NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02677

# HOYF-KHAVEYRIM

Itzik Kipnis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. קיפניס

# הויף-כאוויירים

קאָאָפּעראטיווער פארלאג „קולטור-ליגע"
קיעוו—1923

PRINTED IN U.S.S.R.

אילוסטרירט מ. עפשטיין

פראָפּטעכנישע פּאָליגראַפישע שול. קיעוו, קרעשטשאטיק 16 ב. 185 1000 עקז.
ע. פ. פ. 1922

דריי כאווײרים האָט מאָטעלע אין הויף געהאַט

קעצעלע מורע,

כאזערל בורער

און הינטעלע האַווי.

איינמאָל, נאָך א גרויסן רעגן, איז מאָטעלע ארויס אין הויף. די כאווײרים זיינען אים אנקעגן געקומען.

קריכן די קינדערלאך אין קאַליוזשעס ביז די קני און מעסטן וואָסערע איז טיפער, נאָר קעצעלע מורע קריכט ניט. זי זשאלעוועט אירע סאמעטענע לאפקע־לאך אין וואסער נעצן.

קלערט זיך אָן מאָטעלע א שיף בויען. די קינ־דערלאך איז דאָס וואויל געפעלן. האָט גענומען הינ־טעלע מיט כאזערלען א טייך האַטען, קעצעלע מיט די נעגעלאך שטרוי שארן און מאָטעלע האָט פאר־קאַטשעט די ארבל און זיך גענומען די שיף בויען. געמאַכט די שיף פון פאפיר און פון שטרוי, גייט אָן האָן־גאַלאַגאַן, טוט א קריי—קערט זיך איבער די שיף און צעפאלט זיך.



שטעלט זיך קעצעלע אױף הינטעלע, באזערל אױף קעצעלע.

— ע,— זאָגן די קינדערלאַך,—ביסט אַוא קונצן־מאַכער? ווען מיר פון דיר אַוועקגיין.

שטייט אַפן הויף אַ בויד אַן אויסגענעצטע און טרוקנט זיך אַף דער זון.

שטעלט זיך קעצעלע אַף הינטעלע, כּאַזערל אַף קעצעלע און מאָטעלע דערלאַנגט אים אַ האַנט. אַבי כּאַזערל איז אַרוף, האָט זיך קעצעלע אַרופגעדראַפּעט און הינטעלע איז אַרופגעשפּרונגען. דאָ וועט זיך שוין האָן־גאַלאַגאַן ניט אַריינמישן. שפּילן זיך די קינדער און זעען גאָרניט, אַז די בויד איז פון הויף אַרויס־געפאָרן. אָפּגעפאָרן אַ גאַס און צוויי, און זיי ווייסן אַלץ ניט. פאָרט דורך די בויד פאַרביי אַ קלויסטער. גענומען דער קלויסטער קלינגען. די קינדערלאַך קוקן זיך אום: וואו זיינען זיי?

— מאַ־מע! — האָבן אַלע קינדערלאַך אין איין קאָל אויסגעשריען.

דערהערט דער פורמאַן, עמיצער איז דאַ אַפן בויד, האָט ער גענומען, איינציקווייס די קינדערלאַך אַף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און אַוועקגעפאָרן.

די קינדערלאַך האָבן זיך פאַרקוקט אַף די פורן, אַף די מענטשן, אַנשוויגן געוואָרן אַף אַ רעגע. און באַלד זיך דערמאָנט, צוריק גענומען וויינען אַף אַ קאָל, וואָס אַמאָל שטאַרקער.

גייט אַקוראַט אַ אינגעלע פון כיידער. דערזען קינדערלאַך וויינען, לויפט ער אַוועק און ברענגט זיין מאַמע.

פרעגט דעם אינגעלעס מאַמע מאָטעלען:



די קינדערלאַך אױף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און אװעקגעפֿאָרן...

— ווּעמעס ביסטו, אינגעלע?
— דער מאַמעס, — זאָגט מאָטעלע.
פרעגט זי כאַזערלען:
— וועמעס ביסטו? — דער מאַמעס...
הינטעלען:
— וועמעס ביסטו? — דער מאַמעס...
קעצעלען:
וועמעס ביסטו? — דער מאַמעס...
זאָגט דעם אינגעלעס מאַמע:
— וויינט ניט, קינדערלאך, קומט, באַ מיר אין קלייט איז פאַראַן שיינע זאַכן. קלייבט זיך אויס וואָס איר ווילט — וועל איך אייך געבן.
פאַרפירט זי זיי אין קלייט אריין.

זאָגט מאָטעלע—ער וויל א רויט העמדעלע מיט אַ זיידן גאַרטעלע. נעמט דעם אינגעלעס מאַמע אַראָפּ פון פאָליצע אַ רויט העמדעלע, טוט אָן מאָטעלען, פאַרבינדט מיט אַ זיידן גאַרטעלע און לייגט אים נאָך אריין אין קעשענע אַ ניסעלע.

זאָגט כאַזערל—ער וויל אַ פּאָר שטיוועלאַך אויף קריכן אין בלאָטע.

נעמט אַראָפּ דעם אינגעלעס מאמע פון שטאנג אַ פּאָר שטיוועלאַך, טוט אים אָן און גיט אים נאָך אַ האַרטע צוקערקע אויף כראָמטשען.

זאָגט קעצעלע—זי וויל א פּאָר ברילן. מייסעלאַך וועט זי לייענען.

נעמט דעם אינגעלעס מאַמע פון אַ שיידל אַ פּאָר ברילן ארויס, פאַרשטעקט דעם קעצעלע פאַר די אוי־

ערלאך און פֿאַר פֿלייסיקייט טוט זי דעם נאָך אָן אַ בליטשקענעם טשיפּיקל.

און הינטעלע קלערט און קלערט.

ער וויל אַ היטעלע מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק.

נעמט ארויס דעם אינגעלעס מאַמע פֿון אַ פּודל אַ היטעלע מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, לייגט אים ארויף צווישן די אויערלאך אַפֿן קאָפּ און טוט נאָך אים אָן אַפֿן האַלז אַ לעדערן פּאַסיקל מיט אַ גלעקעלע און זאָגט:

— הײַנט זײַנט איר וואוילע קינדער, וואָס איר וויינט ניט. נעמט זיך פֿאַר די הענט און גייט צו אײַ־ערע מאַמעס.

האָבן די קינדערלאך געגעבן נאָך אַ קוק אַפֿן אינגעלע מיט זײַן מאַמע, פֿאַרקערט זיך צו טיר און אַוועקגעלאָפֿן אַהיים.

גייט מאָטעלעס מאַמע אָן אַקעגן און דערקענט ניט. זאָגט זי צו זיי:

— קינדערלאך, עפּשער האָט איר געזען מײַן מאָטעלען?

צעלאַכט זיך מאָטעלע.

— אָט בין איך דאָך, מאַמע!

— טאַקע? — זאָגט די מאַמע — וואו־זשע האָסטו אַ העמדעלע גענומען מיט אַ קוטאַסל?

דערציילט מאָטעלע: אַזוי און אַזוי, דעם אינ־געלעס מאַמע האָט אַ מאַטאָנע געגעבן.

גייט כאַזערטע און רעדט צו זיך אליין:



— פון צוועלעף קינדער מיינע דער שענסטער און דער קלוגסטער ניטאָ.

באַגעגנט זי די קינדערלאַך און דערקענט ניט.

— קינדערלאַך, — זאָגט זי, — עפשער האָט איר געזען־וואו כאַזרל בורן?

צעלאכט זיך כאַזערל:

— מאַמע, אָט בין איך דאָך!

— טאקע? און ווער האָט דיר שטיוועלאַך אָנגעטון?

דערציילט כאַזערל: אַזוי און אַזוי, דעם אינגעלעס מאמע האָט אַ מאַטאָנע געגעבן.

גייט קאַץ אַלטע, דעם עק אראָפּגעלאָזט און פארזאָרגט. באַגעגנט די קינדערלאַך, דערקענט זי ניט.

— קינדערלאַך, עפשער האָט איר ערגעץ געזען קעצעלע מורע?

צעלאַכט זיך קעצעלע:

מיאַאו, מאמע, אָט בין איך דאָך!

— טאַקע? און וואָס פאר אַ ברילן מיט אַ טשי־פּיקל טראָגסטו?

דערציילט קעצעלע: אַזוי און אַזוי, דעם אינ־געלעס מאַמע האָט אַ מאַטאָנע געגעבן.

גייט הינטיכע פארזאָרגט: פון פינעף קינדער איינער געבליבן און דער שוין אויך ניט געסטייעט.

באַגעגנט קינדערלאַך גיין, דערקענט זי ניט.

— קינדערלאַך, עפשער האָט איר געזען צי באַ־געגנט־וואו הינטעלען האַיו?

צעלאַכט זיך הינטעלע:

אָט בין איך דאָך, מאַמע!

— טאַקע? וואו זשע האָסטו אַ היטעלע גענומען און אַ פּאסיקל מיט א גלעקל?

דערציילט הינטעלע: האַוו און האָוו, דעם אינגעלעס מאַמע האָט א מאַטאָנע געגעבן.

אַף מאָרגן אינדערפרי זיינען די קינדערלאַך פאַרפּוצטע אין הויף אַרויס און געטראָפן האָן גאַלאַגאַן שאַרן מיט די לאַנגע פיס דעם מיסט.

האָבן זיי אים דערציילט וואו זיי זיינען געוועזן און וואָס זיי האָבן געזען. האָט זיי האָן גאַלאַגאַן מעקאַנע געוועזן.